# לב שומע

תמצית שיעורים אויף די פרשה

פון הרה"ג רבי **שמעיה לעוו** שליט"א

דומ"ץ דקהל יטב לב ד'סאטמאר

אידיש

## פרשת חיי שרה

לעילוי נשמת

הרה"ח מקים עולה של תורה

ר' ישעי' זאב בן הרה"ח ישראל ישכר זלה"ה

ראש הקהל דקהל יטב לב סאטמאר - לאנדאן

ניתן לשמוע השיעורים ב'קול הלשון'
020 81917000
[ex3,1.11.1]

'שגיאות מי יבין' - אי אפשר לבר בלא תבן
בבקשה, המוצא שגיאה כלשהוא יואיל להודיע
למו"ל למען יתוקן אי"ה

להערות והארות ולקבלת הגליון יש לשלוח לאימעל
levshomeya@gmail.com

סדר ועימוד: א. י. גרינוואלד 054-8494370 (972)

ניקוד: ישראל פויגל 054-8435096 (972)

# תוכן הענינים

## מַלְאָכִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף טְרִיט און שְׁרִיט


עֶבֶד נֶאֱמָן ........ ד

מַלְאָכִים בַּאגְלֵייטְן אִים ........ ה

אֱלִיעֶזֶר אִיז גֶעוֶוען אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט נִסִּים ........ ה

מַלְאָכִים הֲמוֹנֵי מַעְלָה ........ ו

חַנָּה מַלְאַךְ ה׳ ........ ז

כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ ........ ח

אַ מֶענְטְשׁ - אַ מַּלְאָךְ ........ ט

דִי מַלְאָכִים הֶעלְפְן אוֹיסְפִירְן ........ י

מוֹלִיכִין אוֹתוֹ - לְשׁוֹן רַבִּים ........ י

זֶה לְעוּמַת זֶה ........ יא

נְשָׁמוֹת פוּן צַדִּיקִים ........ יב

# פָּרָשַׁת חַיֵּי שָׂרָה

## מַלְאָכִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט

☆ עֶבֶד נֶאֱמָן ☆ מַלְאָכִים בַּאגְלֵייטְן אִים ☆ אֱלִיעֶזֶר אִיז גֶעוֶוען אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט נִסִּים ☆ מַלְאָכִים הֲמוֹנֵי מַעְלָה ☆ חֹנֶה מַלְאַךְ ה' ☆ כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָךְ ☆ אַ מֶענְטְשׁ - אַ מַלְאָךְ ☆ דִי מַלְאָכִים הֶעלְפְן אוֹיסְפִירְן ☆ מוֹלִיכִין אוֹתוֹ – לְשׁוֹן רַבִּים ☆ זֶה לְעוּמַת זֶה ☆ נְשָׁמוֹת פוּן צַדִּיקִים

### עֶבֶד נֶאֱמָן

**הוּא יִשְׁלַח מַלְאָכוֹ לְפָנֶיךָ** (כד ז)

**דִי** תּוֹרָה פַאַרְצֵיילְט וְוִי אֱלִיעֶזֶר **עֶבֶד** אַבְרָהָם – דֶער גֶעטְרֵייעֶר קְנֶעכְט וָואס הָאט בַּאדִינְט אַבְרָהָם אָבִינוּ מִיט אַ זֶעלְטֶענֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט הָאט בַּאקוּמֶען אַ בַּאפֶעל פוּן זַיין הַאר אַבְרָהָם "גֵיי בְּרֶענְג אַ כַּלָּה פַאר מַיין זוּן יִצְחָק" אַבְרָהָם הָאט בַּאשְׁווִירְן אֱלִיעֶזֶר מִיט אַ הַארְבֶּער שְׁבוּעָה, אַז עֶר זָאל אוֹיסְפִירְן דֶעם שְׁלִיחוּת אוּן בְּרֶענְגֶען דֶער פַּאסִיגֶע שִׁדּוּךְ לוֹיט דִי סִימָנִים וָואס אַבְרָהָם הָאט אִים פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט.

**דֶער** אוֹיפְגַאבֶּע פוּן אֱלִיעֶזֶר אִיז בִּכְלָל נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין גְרִינְגֶער שְׁלִיחוּת צוּ אוֹיסְפִירְן; עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט קֵיין נָאמֶען צוּ וֶועמֶען עֶר דַארְף זִיךְ וֶוענְדְן, כָּאטְשׁ וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַנְוַוייזֶענוּנְגֶען פוּן אַבְרָהָם וָואס צוּ זוּכְן, פָּארְט הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין אַהנוּנְג וְוִי אַזוֹי אוּן וואוּ עֶר גֵייט טְרֶעפְן דֶער בַּאשֶׁערְטֶער זִווּג, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט שְׁפַּאצִירְן אִין דֶער פְרֶעמְד אָן אַ גֶענוֹיעֶ פְּלַאן וֶועם עֶר דַארְף דָארְטְן טְרֶעפְן, נָאכְדֶערְצוּ וֶוען עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ פוּן גֵיין אוֹיסְקְלוֹיבְּן אַ כַּלָּה וָואס זִי זָאל זַיין אֵיינֶער פוּן דִי אוֹיסְדֶערְוֶועלְטֶער אִמָּהוֹת.

**אָבֶּער** דֶער גֶעטְרֵייעֶ עֶבֶד אֱלִיעֶזֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט זַיין שְׁלִיחוּת בְּנֶאֱמָנוּת, מִיט אַ פְלֵייסִיגְקֵייט הָאט עֶר זִיךְ אַרוֹיס גֶעלָאזְט אוֹיפְן וֶועג מִיט פֶּעקְלֶעךְ פוּן טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת, כְּדֵי צוּ פָאלְגְן זַיין הַאר אוּן אוֹיסְפִירְן דֶער מִיסְיֶע וָואס אִיז גֶעלֶעגְן אוֹיף אִים בִּשְׁלֵמוּת.

**אֵיידֶער** אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט זַיין עֶבֶד אֱלִיעֶזֶר, הָאט עֶר אִים אָנְגֶעוואוּנְטְשֶׁען (כד ז) **הוּא יִשְׁלַח מַלְאָכוֹ לְפָנֶיךָ** הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים זָאלְן מִיט גֵיין מִיט דִיךְ, אוּן דִיךְ הֶעלְפְן אוֹיסְפִירְן זַיין שְׁלִיחוּת, אֱלִיעֶזֶר הָאט דָאס נָאר גֶעקֶענְט אוֹיסְפִירְן וְוִיבַּאלְד עֶר הָאט גֶעהַאט הִימְלִישֶׁע כּוֹחוֹת וָואס הָאבְּן אִים בַּאגְלֵייט אַ גַאנְצֶע וֶועג.

## מַלְאָכִים בַּאגְלֵייטְן אִים

**אַזוֹי** ווי דער רַבֵּינוּ בְּחַיֵּי שְׁרַייבְּט אוֹיפְ'ן פָּסוּק (כד, טו) **וַיְהִי "הוּא" טֶרֶם כִּלָּה לְדַבֵּר** אַז די וָוארְט 'הוּא' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף די הִימְלִישֶׁע הִילְף וָואס מֶען הָאט צוּגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אֱלִיעֶזֶר, אַזוֹי ווי אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט אִים גֶעזָאגְט "דֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל שִׁיקְן זַיין מַלְאָךְ פַאר דִיר, און דוּ וֶועסְט נֶעמֶען אַ פְרוֹי פַאר מֵיין זוּן פוּן חָרָן".

**דֶערִיבֶּער** זֶעען מִיר, אַז בִּיז וֶוען אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעפוּנֶען רִבְקָה, רוּפְט אִים די תּוֹרָה אָן מִיט דֶער טִיטְל 'עֶבֶד', אָבֶער פוּן וֶוען רִבְקָה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בְּרוּנֶעם וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן אִין די תּוֹרָה מִיטְן טִיטְל 'אִישׁ', ווידֶער וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט זַיין שְׁלִיחוּת, און בְּתוּאֵל און לָבָן הָאבְּן מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ דֶער שִׁדּוּךְ פוּן רִבְקָה, רוּפְט די תּוֹרָה אִים ווידֶער מִיטְ'ן טִיטְל 'עֶבֶד', וויבַּאלְד אַ מַלְאָךְ וֶוערְט גֶערוּפְן אִישׁ, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט עֶטְלִיכֶע מָאל אִין פָּסוּק דֶער טִיטְל 'אִישׁ אוֹיף אַ מַלְאָךְ, (דניאל ט, כא) 'וְהָאִישׁ גַּבְרִיאֵל', (בראשית לז, יז) 'וַיֹּאמֶר הָאִישׁ נָסְעוּ מִזֶּה', און וֶוען אֱלִיעֶזֶר הָאט גֶעזֶען ווי די וַואסֶער אִין בְּרוּנֶעם אִיז אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען אַקֶעגְן רִבְקָה אִמֵּנוּ, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז עֶס אִיז מְקֻיָּם גֶעוָוארְן די בְּרָכָה פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אַז אַ מַלְאָךְ וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן, און עֶר וֶועט גֶעפוּנֶען אַ פְרוֹי פַאר יִצְחָק דוּרְךְ הִימְלִישֶׁע וֶועגְן, און דֶערִיבֶּער וֶוערְט עֶר דֶעמָאלְטְס אָנְגֶערוּפְן מִיטְ'ן טִיטְל אִישׁ[א], אוֹיפְ'ן נָאמֶען פוּנֶעם מַלְאָךְ וָואס הָאט אִים בַּאגְלֵייט, און וֶוען די נֵס אִיז פַארֶענְדִיגְט גֶעוָוארְן, אַז לָבָן און בְּתוּאֵל הָאבְּן מַסְכִּים גֶעוֶוען אַז רִבְקָה זָאל וֶוערְן אַוֶועקְגֶעפִירְט דוּרְךְ אַ פְרֶעמְדְן מֶענְטְשׁ, דַאן הָאט אֱלִיעֶזֶר צוּרִיקְבַּאקוּמֶען זַיין אָרְגִינֶעלְן טִיטְל עֶבֶד (עיי"ש).

## אֱלִיעֶזֶר אִיז גֶעוֶוען אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט נִסִּים

**חֲזַ"ל** (פרקי דרבי אליעזר טז) דֶערְצֵיילְן אַסַאךְ ווּאוּנְדֶערְלִיכֶער נִסִּים וָואס הָאט בַּאגְלֵייט אֱלִיעֶזֶר דֶער גַאנְצֶע וֶועג, הקב"ה הָאט בְּהַשְׁגָּחָה צוּגֶעפִירְט פַאר אֱלִיעֶזֶר און צוּגֶעשְׁטֶעלְט מַלְאָכִים אַז דֶער שִׁדּוּךְ זָאל צוּשְׁטַאנְד קוּמֶען. אַ וֶועג וָואס אִין אַלְגֶעמֵיין גֶעדוֹיעֶרְט צוּ גֵיין זִיבֶּעצְן טֶעג, הָאט פַאר אֱלִיעֶזֶר גֶעדוֹיעֶרְט בְּלוֹיז דְרֵיי שָׁעָה, אַ מַלְאָךְ הָאט אִים גֶעטְרָאגְן פוּן חֶבְרוֹן בִּיז חָרָן דוּרְךְ קְפִיצַת הַדֶּרֶךְ. אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ נֵס אַז רִבְקָה וָואס זִי אִיז דָאךְ גֶעוֶוען אַ בַּת מְלָכִים אִיז יֶענֶע טָאג אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען שֶׁעפְּן וַואסֶער, כָּאטְשׁ וָואס זִי פְּלֶעגְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין.

**און** אַזוֹי אוֹיךְ אִיז גֶעוֶוען אַ נֵס אַז זִי הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן מִיט אַ

---

**א.** הגה"צ רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א ברענגט אין זיין ספר 'לקט אמרים' (עמוד קי), אז די ערשטע אות פון דיווארט 'איש' איז די אות אל"ף, ראשי תיבות א'רץ, און די לעצטע אות פון די ווארט 'איש' איז די אות שי"ן, ראשי תיבות ש'מים, און אינדערמיט איז דא א יו"ד. דאס קומט צו וויזן אז דער עבודה פון א איד איז צו מעלה זיין די ארציו"ת צום רוחניות, אלע זאכן וואס געפינט זיך אויף דער וועלט, דארף דער מענטש דאס אויסנוצן אלס א הייליגע מיטל.

מַאן וָואס זִי הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶען, אוּן אֲפִילּוּ לָבָן אוּן בְּתוּאֵל הָאבְּן צוּגֶעשְׁטִימְט אַז רִבְקָה זָאל גֵיין חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט יִצְחָק, וַוייל זֵיי הָאבְּן אַנֶערְקֶענְט אַז אַלֶעס וֶוערְט פִּינְקְטְלִיךְ צוּגֶעפִּירְט פוּן אוֹיבְּן אַזוֹי ווִי זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט (כד נ) **וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל וַיֹּאמְרוּ מֵה' יָצָא הַדָּבָר לֹא נוּכַל דַּבֵּר אֵלֶיךָ רַע אוֹ טוֹב** וַוייבַּאלְד פוּן הִימְל הָאט מֶען צוּגֶעפִּירְט אַז דֶער שִׁדּוּךְ זָאל וֶוערְן, אִיז אַ סִימָן אַז אַזוֹי אִיז בַּאשֶׁערְט, אוּן אוּנְז קֶענֶען נִישְׁט גָארְנִישְׁט קָאמַאנְטִירְן דֶערוֹיף.

**אֱלִיעֶזֶר** הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אָט דִי אַלֶע נִסִּים אוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, וַוייבַּאלְד הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים הָאבְּן זִיךְ גֶעדְרֵייט אַרוּם אִים אוּן זֵיי הָאבְּן אִים צוּגֶעהָאלְפְן אַז עֶר זָאל קֶענֶען אוֹיסְפִירְן דֶער שְׁלִיחוּת. וָואס מֶער מֶען שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ טוּן אַ דָּבָר טוֹב צוּ מְקַיֵּים זַיין אַ מִצְוָה רִיכְטִיג בִּשְׁלֵמוּת, קוּמְט אַרוֹיס דֶערְפוּן הֶעכֶערֶע אוּן שְׁטַארְקֶער מַלְאָכִים. דֶער שְׂפַת אֱמֶת (תרל"ח ד"ה ברש"י אלי) עֶרְקְלֶערְט לוֹיט דָאס וָואס ס'שְׁטֵייט אִין חַזַ"ל אַז אֱלִיעֶזֶר הָאט דָאךְ גֶעהַאט אַ פֵיינֶע טָאכְטֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ זָאל נֶעמֶען זַיין אֵייגֶענֶע טָאכְטֶער פַאר יִצְחָק, אוּן פוּנְדֶעסְט-וֶועגְן הָאט אֱלִיעֶזֶר אוֹיפְגֶעגֶעבְּן זַיינֶע אֵייגֶענֶע נְגִיעוֹת אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען טוּעֶן דִי מִצְוָה מִיט אַ כַּוָּנָה צוּ טוּעֶן נָאר דִי רְצוֹן הַצַּדִּיק, פָּאלְגְן זַיין שְׁלִיחוּת ווִי אַ גֶעטְרֵייעֶ עֶבֶד, אֲפִילּוּ דָאס אִיז גֶעוֶוען פַארְקֶערְט ווִי זַיין אֵייגֶענֶע רָצוֹן, אוּן דֶערִיבֶּער זָאגְט דֶער שְׂפַת אֱמֶת אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דֶעם אַ סְפֶּעצְיֶעלֶע שְׁטַארְקֶע מַלְאָךְ, וָואס הָאט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְנֶעמֶען רִבְקָה פוּן חָרָן אִין אֵיין טָאג.

## מַלְאָכִים הַמּוֹנֵי מַעְלָה

**יֶעדֶער** אִיד אִיז אַן 'עֶבֶד' הַשֵּׁם, וָואס וֶוען אִימֶער מֶען אִיז מְקַיֵּים אַ מִצְוָה בִּשְׁלֵמוּת, מֶען מַאכְט דֶעם רְצוֹן ה' רִיכְטִיג, אוּן מֶען אִיז פוּלְשְׁטֶענְדִיג אוּנְטֶערְטֶעניִגְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, דַאן בַּאקוּמְט מֶען הִימְלִישֶׁע כּוֹחוֹת, דֶער בַּאשֶׁעפֶער שְׁטֶעלְט צוּ מַלְאָכִים וָואס בַּאגְלֵייטְן אוֹיף יֶעדְן טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען דֶער סַיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא צוּ קֶענֶען טוּן דֶעם רְצוֹן הַבּוֹרֵא.

**עֶס** שְׁטֵייט אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ (זוהר חָדָשׁ אָנְפַאנְג פָּרָשַׁת תְּרוּמָה), אָמַר רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי: וֶוען אַ אִיד שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי אוּן עֶר לֵייגְט תְּפִילִּין אוֹיפְ'ן קָאפּ אוּן אוֹיף דִי הַאנְט אוּן עֶר וִויקְלְט זִיךְ אֵיין אִין אַ טַלִּית, אוּן עֶר גְרֵייט זִיךְ אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זַיין שְׁטוּב, דַאן בַּאהֶעפְטְן זִיךְ צוּ אִים **פִיר הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים**, אוּן זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס צוּזַאמֶען מִיט אִים פוּן זַיין הוֹיז, אוּן זֵיי פִירְן אִים צוּם בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אוּן זֵיי רוּפְן אוֹיס: הָבוּ יְקָרָא לְדְיוּקְנָא דְּמַלְכָּא קַדִּישָׁא הָבוּ יְקָרָא לִבְרֵיהּ דְּמַלְכָּא לְפַרְצוּפָא יַקִּירָא דְמַלְכָּא גִיבְּט כָּבוֹד פַאר דִי צוּרָה פוּנֶעם הֵיילִיגְן קֶענִיג, גִיבְּט כָּבוֹד פַאר'ן זוּן פוּנֶעם קֶענִיג, פַאר דִי הֵיילִיגֶע גֶעשְׁטַאלְט.[ב]

**ב.** נאך שטייט אין זוהר (זוה"ח רות כו.) יעדע אות תורה וואס א מענטש לערנט, ווערט דערפון באשאפן א מלאך אלקים, וואס דער מלאך גיבט צו פארשטיין די תורה וואס דער מענטש לערנט.

## חֹנֶה מַלְאַךְ ה'

**דֶער** יְסוֹד אִיז אַ שְׁטַארְקֶער לִמּוּד וָואס מִיר דַארְפְן שְׁטֶענְדִיג חַזֶר'ן אוּן גֶעדֶענְקֶען. וֶוען מֶען אִיז מְקַיֵּים מִצְוֹת ה' בִּשְׁלֵמוּת, מֶען פָּאלְגְט דֶעם גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער בַּאקוּמְט מֶען מַלְאָכִים וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם דֶער מֶענְטְשׁ אוּן הֶעלְפְן אִים צוּ וֶוען ס'פֶעלְט זִיךְ נָאר אוֹיס.

**עֶס** אִיז כְּדַאי צוּ צוּצֵייכֶענֶען דִי וֶוערְטֶער פוּנֶעם רַמְבַּ"ם (סוף הלכות מזוזה פרק ו הלכה י"ג) דִי 'חֲכָמִים הָרִאשׁוֹנִים' הָאבְּן גֶעזָאגְט: יֶעדֶע וָואס טְרָאגְט תְּפִילִין אוֹיף זַיין קָאפּ, אוּן צִיצִית אוֹיף זַיין קְלֵייד, אוּן אַ מְזוּזָה אוֹיף זַיין טִיר, אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט נִישְׁט זִינְדִיגְן, וַוייבַּאלְד עֶר פַארְמָאגְט אַסַאךְ מִצְוֹת וָואס דֶערְמַאנֶען אִים אִין בַּאשֶׁעפֶער, וָואס מֵיינְט דָאס דֶער מִצְוֹת דֶערְמַאנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ? זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם **וְהֵן הֵם הַמַּלְאָכִים שֶׁמַּצִּילִין אוֹתוֹ מִלַּחְטֹא** פוּן דִי מִצְוֹת וֶוערְן בַּאשַׁאפְן מַלְאָכִים, אוּן דָאס זֶענֶען דִי מַלְאָכִים וָואס רַאטֶעוֶועט אִים פוּן צוּ זִינְדִיגְן. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תהלים לד, ח) **חֹנֶה מַלְאַךְ ה' סָבִיב לִירֵאָיו וַיְחַלְּצֵם** דֶער מַלְאָךְ פוּן הַשֵּׁי"ת רוּהְט אַרוּם דִי וָואס טוּעֶן דָאס וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער פַארְלַאנְגְט, אוּן עֶר רַאטֶעוֶועט זֵיי פוּן אַלֶעם בֵּייזְן.

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט אַז דוּרְךְ דִי תּוֹרָה פוּן דֶער בֵּית יוֹסֵף אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אַ מַלְאָךְ, אוּן דֶער מַלְאָךְ אִיז גֶעוֶוען דֶער 'מַגִּיד' פַאר דֶער בֵּית יוֹסֵף, עֶר פְלֶעגְט אוֹיסלֶערְנֶען פַאר דֶער בֵּית יוֹסֵף תּוֹרָה, אוּן עֶר פְלֶעגְט אִים פַארְצֵיילְן סוֹדוֹת פוּן הִימְל, דֶער בֵּית יוֹסֵף הָאט אַלֶעס אַרָאפּ-גֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם סֵפֶר 'מַגִּיד מֵישָׁרִים'.[ג]

**ג.** דער בית יוסף שרייבט אז ווען ער האט געלערנט משניות, פלעגט דער מלאך מיט זאגן מיט אים די הייליגע משניות. אזוי אויך שרייבט ר' שלומיל מדרעזניץ - איש צפת, אין זיין בריוו חודש מרחשון שנת שס"ז ווי פאלגענד: יעדע מאל ווען דער בית יוסף האט גע'חזר'ט משניות אויסוויינינג, האט דער מלאך זיך אנטפלעקט צו אים און אים געזאגט "שלום עליך רבי יוסף קארו, איך בין די משנה וואס דו האסט איצט געלערנט, אויבן אין הימל שעפט מען היופנס נחת פון דיין לערנען, און איך האב געזען דיין הייליג ארט וואס מען האט צוגעגרייט פאר דיר אין גן עדן בזכות דעם וואס דו לערנסט פלייסיג משניות" נאך שרייבט ער דארט אז די שכנים פלעגן הערן די מלאך דאס זאגן.

בנוגע דער גרויסע וויכטיגקייט פון לערנען משניות, האב איך געהערט א מעשה פון כ"ק מרן רבי יענקלע מפשעווארסק זי"ע: עסטרייך איז געווען א ריזיגע אימפעריע, אונטער די ממשלה פון דעם קייסער 'פראנץ יאזעף', די לאנד עסטרייך האט דאן געהערשט אויף אונגארן און אויף טשעכאסלאוואקיע און אויף טיילן פון פוילן און נאך, און דאן איז אויפגעשטאנען א גרויסער אונגארישער שר וואס האט געוואלט מאכן אן אויפשטאנד אקעגן 'פראנץ יאזעף', און אפטיילן אונגארן פון די עסטרייכישע אימפעריע.

דער צאנזער רב זי"ע האט דעמאלטס געהאלטן אז דאס איז א גוטע זאך, וויבאלד עס איז נישט אזוי גוט אז מען זאל זיין אונטערטעניגט אונטער דער קייסער פראנץ יאזעף, וועלכער

**אִין** סֵפֶר דֶּגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם (פָּרָשַׁת מִשְׁפָּטִים) בְּרֶענְגְט עֶר בְּשֵׁם דֶער 'מוֹכִיחַ' פוּן פּוֹלְנָאָה זי"ע אַ שֵׁיינֶע טַיְיטְשׁ אִין דֶעם פָּסוּק אִין תְּהִלִּים (קג, כ) **בָּרְכוּ ה' 'מַלְאָכָיו' גִּבֹּרֵי כֹחַ עֹשֵׂי דְבָרוֹ לִשְׁמֹעַ בְּקוֹל דְּבָרוֹ** טַיְיטְשׁ עֶר אַרַיין **גִּבֹּרֵי כֹחַ** דִי צַדִּיקִים וָואס זֶענֶען זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיפְן יֵצֶר הָרַע, **עֹשֵׂי דְבָרוֹ** זַיי מַאכְן דוּרְךְ זֵייעֶרֶע דִיבּוּרֵי תּוֹרָה **לִשְׁמֹעַ בְּקוֹל דְּבָרוֹ** אַ מַלְאָךְ וָואס מֶען קֶען הֶערְן פוּן אִים אוּן לֶערְנֶען פוּן אִים, זַיי בַּאשַׁאפְן גוּטֶע שְׁלוּחִים צוּ זֵיי הֶעלְפְן דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן זֵיי פַּארְדִינֶען דֶערְפוּן אַז דוּרְךְ דִי מַלְאָכִים קֶענֶען זֵיי דֶערְגְרֵייכְן צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

## כִּי מַלְאָכָיו יְצַוֶּה לָּךְ

**יֶעדֶע** אִידִישֶׁע נְשָׁמָה בְּרוֹיךְ צוּקוּמֶען צוּ הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים זָאלְן אִים אַרוּם נֶעמֶען, אוּן אִים צוּהֶעלְפְן צוּ שְׁטֵייגְן בַּעֲבוֹדַת השי"ת, דִי מַלְאָכִים זֶענֶען דִי פַּארְמִיטְלֶער וָואס בְּרֶענְגֶען דִי נְשָׁמָה נָאנְטֶער צוּם שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, אוּן דִי גוּטֶע שְׁלוּחִים - מַלְאָכִים קוּמֶען צוּנִיץ אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**חֲזַ"ל** זָאגְן (נדה ל:) אַז בֶּעפָאר אַ קִינְד קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט בְּרֶענְט אַ לִיכְט אוֹיף זַיין קָאפּ[ד], אוּן מֶען לֶערְנְט מִיט אִים דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה[ה]. דֶער שֵׁם מִשְּׁמוּאֵל (תרעו ד"ה ובזה) בְּרֶענְגְט בְּשֵׁם דֶער 'סֵפֶר מַלְכִּיאֵל', אַ הַסְבֵּר דֶערוֹיף פַּארְוָואס דִי נְשָׁמָה מוּז צוּקוּמֶען אַז מֶען זָאלְן לֶערְנֶען מִיט אִים תּוֹרָה אֵיידֶער זִי קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיז עֶר מַסְבִּיר וְוִיבַּאלְד דִי אַרִיבֶּערְגַאנְג פוּן אוּנְטֶער דִי כִּסֵּא הַכָּבוֹד בִּיז אוּנְזֶער טוּנְקֶעלֶע וֶועלְט אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר דִי נְשָׁמָה דוּרְכְצוּגֵיין[ו], אוּן דֶערִיבֶּער הָאט הַשֵּׁי"ת צוּגֶעשְׁטֶעלְט פַאר דִי נְשָׁמָה

---

האט אריינגעברענגט אסאך 'השכלה' אין די אידישע קהילות, (עטליכע יארן שפעטער איז געווען די באקאנטע 'אונגארישע טיילונג', וועלכע איז געווען כדי איבערצוקומען א גזירה וואס די משכילים האבן מצליח געווען דורכצופירן אין די עסטרייכישע פארלאמענט, ואכמ"ל) אבער הרה"ק רבי אליעזר'ל דז'יקוב'ער זי"ע האט געהאלטן פארקערט, און ער האט געזאגט פאר דער צאנזער רב "מען פאפט אייך, איר מיינט אז די ווידער-שפענונג איז גוט, זיי – די אונגארישער - זענען נאך פיל ערגער, איך מיט מיין משניות פארטאגס, וועל איך פארטרייבן דעם שר"! און כך הוה, מיט אמאל איז דער שר געשטארבן און אלע פלענער האבן זיך אפגעשטעלט.

**ד.** עס איז באקאנט וואס רביה"ק מסאטמאר זי"ע האט געזאגט, אז ווען די קינד ווערט געבוירן גייט די ליכט אריין אין די הארץ, און דאס איז די 'נר ה' נשמת אדם' (משלי כ, כז).

**ה.** דער נועם אלימלך (בד"ה או יאמר ואברהם זקן וכו') ערקלערט דער סיבה פארוואס עס פעלט אויס אז א מלאך זאל לערנען דער 'גאנצע' תורה בעפאר מען ווערט געבוירן, זאגט ער נאר דורך דעם וואס מען האט שוין געלערנט די תורה הק' בעפאר מען איז געבוירן, אזוי קען מען דערגרייכן צו פארשטיין די גאנצע תורה, און אלע סודות וואס ליגן באהאלטן אין איר. [זע אין ספר ליקוטי שושנה ווי רבי ר' אלימלך זי"ע איז מאריך דערין].

**ו.** דער דברי ישראל פון מודזיץ זי"ע ברענגט פון א פריערדיגע ספר 'עבודת הקודש', אז

מַלְאָכִים וָואס זָאלְן לֶערְנֶען מִיט אִיר דִי תּוֹרָה, אוּן דִי מַלְאָכִים בַּאגְלֵייטְן דִי נְשָׁמָה בִּיז דִי קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן.

**אוּן** דֶער שֵׁם מִשְּׁמוּאֵל לֵייגְט צוּ דֶערוּיף, אַז דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַּארְוָואס דִי נְשָׁמָה יְתֵירָה וֶוערְט בַּאגְלֵייט דוּרְךְ צְווֵיי מַלְאָכִים, אַזוֹי וִוי עֶס ווערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין תִּיקוּנֵי זוֹהַר, וְוייבַּאלְד דִי נְשָׁמָה יְתֵירָה אִיז אַזוֹיפִיל הֶעכֶער וִוי אוּנְזֶער וֶועלְט, דֶערִיבֶּער פֶּעלְט אוֹיס אַז מַלְאָכִים זָאלְן אִיר בַּאגְלֵייטְן אוּן אַרִיבֶּערְפִירְן פוּן דִי הֶעכֶערֶע וֶועלְט צוּ אוּנְזֶער נִידְרִיגֶע וֶועלְט, לֵייכְטֶער צוּ מַאכְן פַאר דִי נְשָׁמָה כְּדֵי זִי זָאל קֶענֶען פַּארְנֶעמֶען דִי גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע וֶועלְט.

## אַ מֶענְטְשׁ - אַ מַלְאָךְ

**רַבִּי** חַיִּים וָואלָאזִ'ינֶער זַצַ"ל שְׁרֵייבְּט אִין זַיין סֵפֶר רוּחַ חַיִּים (אבות פרק א משנה א) גֶעוַואלְדִיגֶע חִזּוּק רֵייד וִוי פָאלְגֶענְד: וֶוען אֵיינֶער גֵייט מְקַיֵּים זַיין אַ מִצְוָה, וֶוערְט דָאס בַּאצֵייכְנְט אוֹיף זַיין נְשָׁמָה, אוּן אַ לִיכְטִיגֶע שַׁיין וִויקְלְט אַרוּם זַיין נְשָׁמָה, אוּן דָאס הֶעלְפְט אִים צוּ אוֹיסְפִירְן זַיין מִצְוָה רִיכְטִיג, **כִּי הוּא יוֹשֵׁב כְּמוֹ בְּגַן עֵדֶן מַמָּשׁ מָקוֹם קָדוֹשׁ, וְהַקְּדֻשָּׁה מַלְבַּשְׁתּוֹ**, עֶס אִיז פַּארְגְלִיכְן וִוי עֶר זִיצְט אִין גַּן עֵדֶן, וְוייבַּאלְד אַ מִצְוָה אִיז אַ הֶעכֶערֶע סָארְט זַאךְ, עֶס אִיז נִישְׁט נָאר אַ בַּאפֶעל פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער וָואס מֶען אִיז מְקַיֵּים דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר דֶער מִצְוָה אִיז רוּחְנִיּוּתְ'דִיגֶע זַאךְ וָואס דָאס נֶעמְט אַרוּם דֶער מֶענְטְשׁ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע הֵיילִיגְקֵייט, אוּן אַזוֹי בַּאקוּמְט מֶען כּוֹחוֹת פוּן הִימְל צוּ עוֹסֵק זַיין בְּמִצְוֹת בִּשְׁלֵמוּת.

**עֶר** עֶנְדִיגְט צוּ מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצָה, וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ בַּאגֵיין מִיטְן יֵצֶר הָרַע, **אֵין מָנוֹס יוֹתֵר גָּדוֹל לְהִנָּצֵל מֵעָוֹן כְּמַעֲשֵׂה הַמִּצְוֹת**, עֶס אִיז נִישְׁטָא נָאךְ אַ רֶעטֶענִישׁ וִוי אַזוֹי צוּ בֵּייקוּמֶען דִי יֵצֶר הָרַע, נָאר דוּרְךְ עוֹסֵק זַיין בְּמִצְוֹת, **כִּי עַל יָדוֹ הוּא מְסוּכָךְ בְּצֵל הַקְּדֻשָּׁה**, וְוייבַּאלְד דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען טוּט אַ מִצְוָה, אִיז דִי נְשָׁמָה אַרוּם גֶענוּמֶען מִיט אַ הֶעכֶערֶע גֵייסְט, **וְרֵיחַ גַּן עֵדֶן נִכְנַס בּוֹ וְאֵין מָקוֹם לִשְׁלוֹט בּוֹ יֵצֶר הָרַע** דִי נְשָׁמָה גֶעפִינְט זִיךְ אִין גַּן עֵדֶן וָואס דָארְטְן הָאט דִי יֵצֶר הָרַע נִישְׁט קֵיין שׁוּם ווירְקוּנְג.

**דִי** וֶוערְטֶער זֶענֶען דָאךְ גֶעוַואלְדִיגֶע חִזּוּק, פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ. מִיר דַארְפְן נָאר

דעריבער זעען מיר אז א קליין קינד שלאפט איין ווען מען זינגט א ליד, אבער ביי אן ערוואקסענער מענטש איז פונקט פארקערט, ער וועקט זיך אויף ווען ער הערט א ליד, דאס איז צוליב א קינד איז צוגעוואוינט צו די זמירות פון די מלאכי השרת, און דעריבער ווערט ער בארוהיגט ווען ער הערט א ניגון, ווידער ווען א מענטש ווערט עלטער איז שוין נישט אזוי שטארק איינגעקריצט ביי אים די רושם פון יענע וועלט, און דעריבער ווערט ער אויפגעוועקט ווען ער הערט א ניגון.

מענין לענין באותו ענין – עס ווערט געברענגט אין ספר 'מעבר יבק', אז צוליב דעם דארף מען זייער אכטונג געבן אז די קינדער זאלן הערן נאר הייליגע ניגונים, וואס האבן כאטש אן ענליכקייט צו די ניגונים פון די מלאכי השרת, ווייל ניגונים וואס קומען פון נישט ערליכע מקורות, זענען אין זייער א שטארקע קאנטראסט צו די טבע פון די נשמה.

אַבִּיסְל אַרַיין טְרַאכְטְן דֶערִין, בֶּעפָאר מֶען גְרֵייט זִיךְ צוּ מְקַיֵּים זַיין אַ מִצְוָה; מִיר הָאבְּן אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט צֶענְדְלִיגֶע מָאל אַ טָאג צוּ אַרַיין שְׁפַּאצִירְן אִין גַּן עֵדֶן, אוּן זַיין אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן דִי בְּלָאפֶערֵייִ פוּן דִי יֵצֶר הָרַע. וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיט אַזַא סָארְט מַחֲשָׁבָה, דַאן וֵוייסְט מֶען וִוי שֵׁיין אוּן וִוי גוּט אִיז צוּ טוּעֶן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, וָואס דוּרְךְ דֶעם בַּאהֶעפְט מֶען זִיךְ צוּם אוֹר הַקְּדֻשָּׁה.[ז]

## דִי מַלְאָכִים הֶעלְפְן אוֹיסְפִירְן

**אוֹיסֶער** דֶעם וָואס מֶען אִיז זוֹכֶה אַז הֵיילִיגֶע מַלְאָכִים בַּאהֶעפְטְן זִיךְ צוּם מֶענְטְשׁ דוּרְךְ דֶעם וָואס מ'לֶערְנְט תּוֹרָה, אוּן מֶען טוּט מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן זֵיי בַּאגְלֵייטְן דֶער מֶענְטְשׁ אִין אַלֶע צֵייטְן, דֶער זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ וֶוען מֶען טְרַאכְט אַז מֶען גֵייט זַיין גוּט, מֶען שְׁטְרֶעבְּט צוּ דֶערְגְרֵייכְן אַ גוּטֶע צִיל, מֶען וִויל בֶּאֱמֶת זַיין וואוּיל, דַאן הֶעלְפְן דִי מַלְאָכִים צוּ, אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען אַרוֹיס דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל דָאס קֶענֶען בְּפֹעַל מְקַיֵּים זַיין.

**עֶס** שְׁטֵייט אִין תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ (זוטא פרק ג) אַלֶעס וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט צוּ זַיין, גֶענוּי אַזוֹי הֶעלְפְט דֶער מַלְאָךְ אוֹיסצוּפִירְן זַיין מַחֲשָׁבוֹת לְמַעֲשֶׂה, וֶוען מֶען טְרַאכְט זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן אוּן נָאר רֶעדְן אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע רֵייד, דַאן שְׁטֵייעֶן דִי מַלְאָכִים אוֹיפְן וַואךְ, אוּן זֵיי מַאכְן זִיכֶער אַז מֶען זָאל אָנְהַאלְטְן מִיט דֶער גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פַארְדִינְסְט, וָואס הַשִּׁי"ת שֶׁענְקְט אוּנְז.

## מוֹלִיכִין אוֹתוֹ - לְשׁוֹן רַבִּים

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט דִי מַאֲמַר חֲזַ"ל (מכות י:) **בְּדֶרֶךְ שֶׁאָדָם 'רוֹצֶה' לֵילֵךְ "מוֹלִיכִין אוֹתוֹ"** דָארְט וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטְרֶעבְּט צוּ דֶערְגְרֵייכְן, פִירְט מֶען אִים אַהִין. דֶער מַהַרְשָׁ"א (חִידוּשֵׁי אַגָּדוֹת שם) עֶרְקְלֶערְט דָאס וָואס דִי גְּמָרָא בַּאנוּצְט זִיךְ מִיט דִי לָשׁוֹן 'מוֹלִיכִין – מֶען פִירְט אִים' בִּלְשׁוֹן רַבִּים, ווער אִיז דֶער 'זֵיי' וָואס פִירְן דֶעם מֶענְטְשׁ? זָאגְט דֶער מַהַרְשָׁ"א אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי מַלְאָכִים וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן דוּרְךְ דִי מַחֲשָׁבוֹת אוּן 'רְצוֹנוֹת' פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, ווייל יֶעדֶע מַחֲשָׁבָה אוּן דִיבּוּר וּמַעֲשֶׂה פוּן אַ אִיד בַּאשַׁאפְט אַ מַלְאָךְ, אוּן דִי נַאטוּר פוּן דֶער מַלְאָךְ אִיז לוֹיט דִי מַהוּת פוּן דִי מַחֲשָׁבָה דִיבּוּר וּמַעֲשֶׂה וָואס הָאט אִים בַּאשַׁאפְן, אוּן דֶער מַלְאָךְ פִירְט דֶעם מֶענְטְשׁ אִין דֶעם וֶועג וָואס דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ גֵיין, וָואס דוּרְךְ דִי מַחֲשָׁבָה אִיז דֶער מַלְאָךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן.

**דֶערִיבֶּער** וֶוען אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט צוּ זַיין עֶרְלִיךְ אוּן וואוּיל, וֶוערְן בַּאשַׁאפְן פוּן דִי מַחֲשָׁבוֹת גוּטֶע מַלְאָכִים וָואס זֵיי הֶעלְפְן אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ דֶערְגְרֵייכְן זַיין צִיל, דִי מַלְאָכִים בַּאגְלֵייטְן אִים שְׁטֶענְדִיג. פוּן יֶעדֶע קְלֵיינֶע מַחֲשָׁבָה'לֶע וֶוערְט בַּאשַׁאפְן נָאךְ אוּן נָאךְ מַלְאָכִים, מִמֵּילָא וֶוען מֶען טְרַאכְט גוּטֶע פְּלֶענֶער ווי

---

**ז.** דער חזון איש שרייבט אין א בריוו (קובץ אגרות חלק א' יג) "ווען א איד זיצט און לערנט תורה, ווערט ער **ווי א מלאך** ממש, אפילו ער גייט צווישן מענטשען און עס זעט אויס ווי ער איז א מענטש, אבער אין ווארהייט איז ער א מלאך וואס דרייט זיך צווישן דער געזעלשאפט"!

אַזוֹי צוּ שְׁטֵייגְן, מֶען טְרַאכְט צוּ טוּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, וֶוערְן מִיט דִי דָאזִיגֶע הִרְהוּרִים בַּאשַׁאפְן פִיל מַלְאָכִים וָואס זֵיי שְׁטֵייעֶן צוּ הִילְף אַז מֶען זָאל דָאס טַאקֶע קֶענֶען עֶרְפִילְן, און דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע כֹּחַ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרֵיינְגֶעלֵייגְט אִין דִי בְּרִיאָה, און דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע חִזּוּק פַאר יֶעדֶע מֶענְטְשׁ וָואס ווִיל זִיךְ דֶערְנֶעֶנְטֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַז עֶר אִיז נִישְׁט אַלֵיין, ווייל עֶס זֶענֶען פַארְהַאנֶען גְרוֹיסֶע מְסַיְּעִים – מַלְאָכִים פוּן הִימְל וָואס וֶוערְן בַּאשַׁאפְן לוֹיט זַיין רָצוֹן.[ח]

**עֶס** שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שמות יד יט) **וַיִּסַּע מַלְאַךְ הָאֱלֹקִים הַהֹלֵךְ לִפְנֵי מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל וַיֵּלֶךְ מֵאַחֲרֵיהֶם** אַ מַלְאָךְ אִיז גֶעגַאנְגֶען פוּן פָארְאוֹיס, און כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִיז נָאךְ גֶעגַאנְגֶען אוּנְטֶער דִי מַלְאָךְ. רַשִׁ"י הַקָּדוֹשׁ עֶרְקְלֶערְט אַז דֶער מַלְאַךְ הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט צְווִישְׁן דִי אִידְן און דִי מִצְרִיִּם כְּדֵי אַרֵיינְצוּכַאפְּן דִי פַייְלְן און דִי שְׁוֶוערֶע שְׁטֵיינֶער וָואס דִי מִצְרִיִּם הָאבְּן גֶעוָוארְפְן אוֹיף דִי אִידְן. פְרֶעגְט אוֹיף דֶעם דֶער 'אִמְרֵי אַבְרָהָם' (בְּשַׁלַּח אות כ'), וֶועלְכֶע מַלְאָךְ אִיז דָאס גֶעוֶוען, און אִין וֶועלְכֶע זְכוּת אִיז דֶער מַלְאָךְ בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן? דִי אִידְן הָאבְּן דָאךְ גֶעהַאלְטְן נָאךְ פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה? און עֶר עֶנְטְפֶערְט, אַז דֶער מַלְאָךְ אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי מַחֲשָׁבָה טוֹבָה וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהַאט, אַז זֵיי 'ווִילְן' מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה.

**און** עֶר טַייטְשְׁט דָאס אַרֵיין אִינֶעם פָּסוּק: **וַיִּסַּע מַלְאַךְ הָאֱלֹקִים 'הַהֹלֵךְ' לִפְנֵי מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל** דֶער מַלְאַךְ פוּן בַּאשֶׁעפֶער וָואס אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן פוּן דִי מַחְשָׁבוֹת פוּן דִי אִידְן אוֹיף דֶעם וָואס זֵיי גֵייעֶן טוּעֶן, **וַיֵּלֶךְ מֵאַחֲרֵיהֶם** אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען פָארְאוֹיס, זֵיי צוּ הִיטְן פוּן אַלֶעם בֵּייזְן.

**זֶעט** מֶען דֶערְפוּן גֶעוַואלְדִיגֶע עִנְיָנִים, אֲפִלּוּ וֶוען מֶען טְרַאכְט נָאר בְּמַחְשָׁבָה אַ גוּטֶע זַאךְ, וֶוערְט שׁוֹין בַּאלְד בַּאשַׁאפְן פוּן דֶעם מַלְאָכִים וָואס בַּאשִׁיצְן דֶער מֶענְטְשׁ, דָאס דַארְף מֶען ווִיסְן און שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען, אַז דִי מִצְוֹת וָואס מִיר זֶענֶען מְקַיֵּים אִיז נִישְׁט נָאר טֶעכְנִישׁ וָואס מִיר זֶען מִיט דִי פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן, נָאר יֶעדֶע מִצְוָה און אֲפִלּוּ יֶעדֶע מַחֲשָׁבָה און דִיבּוּר אָדֶער פְּעוּלָה, טוּט בַּאשַׁאפְן אַ מַלְאָךְ, און דִי מַלְאָכִים הָאבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁפָּעָה אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ און אוֹיף אַלֶעס אַרוּם אִים וָואס הָאבְּן אַ שַׁיָּכוּת מִיט אִים, לְטוֹב וּלְמוּטָב.

## זֶה לְעוּמַּת זֶה

**פוּנְקְט** ווִי וֶוען מֶען טוּט גוּטֶע זַאכְן בַּאשַׁאפְט מֶען גוּטֶע מַלְאָכִים, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז פַארְקֶערְט אוֹיבּ מֶען טוּט לֵיידֶער נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים פַאטְרֵייבְּט מֶען דִי גוּטֶע מַלְאָכִים, און מֶען בַּאשַׁאפְט שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָכִים רח"ל וָואס זֵיי שְׁטוּפְּן צוּ אַז מֶען זָאל חָלִילָה זִינְדִיגְן.

**ח.** לויט דעם פארשטייט מען די לשון וואס חז"ל זאגן (יומא לח) **הבא לטהר 'מסייעין אותו'** בשלון רבים א איד וואס וויל זיך הייליגן און ריניגן, העלפט מען אים. [זע שפעטער די ווערטער פונעם 'תפארת שלמה' אויף די מאמר חז"ל].

**דוּרְךְ** דֶעם וָואס מֶען טוּט עֲבֵירוֹת, קוּמֶען דִי שְׁלֶעכְטֶע מַלְאָכִים אוּן זֵיי וֶוערְן דֶער הוֹיפְּט מְחֻתָּן... זֵיי פְּרוּבִּירְן צוּ שֶׁעדִיגְן דֶער מֶענְטְשׁ, אוּן מִיט זֵייעֶר שְׁלֶעכְטֶע כּוֹחוֹת פְּרוּבִּירְן זֵיי צוּ אוֹיסְפִירְן דִי פַּאלְטְשֶׁע מַחֲשָׁבוֹת, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען וִויסְן וָואס עֶס קֶען אַלְס אַרוֹיס קוּמֶען פוּן אַן עֲבֵירָה, אוּן אַנְטְלוֹיפְן דֶערפוּן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, אוּן מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג בֶּעטְן אוֹיף סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא.[ט]

## נְשָׁמוֹת פוּן צַדִיקִים

**נָאךְ** אַ גֶעדַאנְק גֶעפִינֶען מִיר אִין דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים, אַז אוֹיסֶער דֶעם וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז מְמַנֶּה מַלְאָכִים אַז זֵיי זָאלְן צוּהֶעלְפְן פַאר אִידְן צוּ טוּן מִצְווֹת, אִיז אוֹיךְ פַארְהַאן אַזַא זַאךְ אַז אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אַז נְשָׁמוֹת פוּן צַדִיקִים קְלֶעבְּן זִיךְ צוּ צוּ אִים אוּן זֵיי הֶעלְפְן אִים צוּ גֵיין אִין דֶעם דֶרֶךְ הַיָּשָׁר.

**מִיר** זֶעעְן דֶער יְסוֹד אִין תִּפְאֶרֶת שְׁלֹמֹה (פָּרָשַׁת וַיְחִי) וָואס בְּרֶענְגְט דָאס פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע מְקוּבָּלִים, אוּן עֶר אִיז דָאס מַסְבִּיר, אַז צוּמָאל אִיז אַ אִיד זוֹכֶה אַז עֶר בַּאקוּמְט אַ הוֹיכֶע נְשָׁמָה, גְלֵייךְ וֶוען עֶר קוּמְט אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן אֲפִילוּ אַ אִיד וָואס הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען אַ נְשָׁמָה וָואס אִיז גְרֶעסֶער אוּן חָשׁוּבֶ'ער וִוי אַנְדֶערֶע נְשָׁמוֹת, אוֹיבּ דִינְט עֶר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ גוּטֶע כַּוָנָה, דַאן בַּאהֶעפְטְן זִיךְ גְרוֹיסֶע נְשָׁמוֹת פוּן צַדִיקִים צוּ זַיין נְשָׁמָה, אוּן זֵיי הֶעלְפְן אַרוֹיס זַיין נְשָׁמָה אַז זִי זָאל קֶענֶען דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַ הֶעכֶערֶע גֵייסְט, אוּן דוּרְךְ דִי הִילְף פוּן דִי נְשָׁמוֹת פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים קֶען זַיין נְשָׁמָה שְׁטֵייגְן פוּן אֵיין מַדְרֵיגָה צוּם צְוֵוייטְן גָאר הוֹיעֶךְ.

**דֶער** תִּפְאֶרֶת שְׁלֹמֹה אִיז דָאס מְרַמֵּז אִין עֶטְלִיכֶע מַאֲמָרֵי חֲזַ"ל – חֲזַ"ל זָאגְן "הַבָּא לִטַהֵר מְסַיְיעִין אוֹתוֹ" (יומא לח:) – אַ אִיד וָואס קוּמְט זִיךְ רֵיינִיגְן הֶעלְפְן 'זֵיי' אִים, אוּן פִילֶע מְפָרְשִׁים פְרֶעגְן שׁוֹין אוֹיף דֶעם אַז עֶס וָואלְט לִכְאוֹרָה גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין בִּלְשׁוֹן יָחִיד 'מְסַיֵּיעַ אוֹתוֹ', אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס, נָאר דֶער פְּשַׁט דֶערְפוּן - זָאגְט דֶער תִּפְאֶרֶת שְׁלֹמֹה - דִי גְמָרָא בַּאצִיעֶט זִיךְ צוּ דִי נְשָׁמוֹת פוּן צַדִיקִים וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ בַּאהֶעפְטְן צוּ דִי נְשָׁמוֹת פוּן פָּשׁוּטֶ'ע אִידְן וָואס וִוילְן דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער בֶּאֱמֶת, אוּן אוֹיף דִי נְשָׁמוֹת זָאגְט דִי גְמָרָא אַז זֵיי הֶעלְפְן אַרוֹיס דֶעם אִיד וָואס וִויל זִיךְ רֵיינִיגְן.

**ט.** עס שטייט אין רמ"א (יורה דעה סימן רפח סעיף טו) אז מען זאל מאכן א לאך אין די האלטער פון די מזוזה, כדי מען זאל ארויסזען די שם שד"י וואס שטייט אויף די דרויסנדיגע זייט פון די מזוזה.

דער ביאור הגר"א צייכנט דארט צו א זוהר הקדוש (ואתחנן דף רסו.), וואס זאגט אז עס זענען פארהאן פילע שלעכטע כוחות וואס ווילן שעדיגן דעם איד, און ווען זיי קומען אָן צו די טיר פון א אידישע הויז הייבן זיי אויף זייערע קעפ און זיי זעען די שם שד"י וואס איז ארויפגעשריבן אויף די דרויסנדיגע זייט פונעם מזוזה, און דאן דערשרעקן זיי זיך און זיי אנטלויפן און זיי קומען נישט נאנט צום טיר.

**און** אַזוי אויף אִיז עֶר דָאס מְרַמֵז אִין דִי מַאֲמַר חֲזַ״ל, (מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא פָּרָשַׁת עֵקֶב סִימָן ו׳) ״הַמַּתְחִיל בְּמִצְוָה אוֹמְרִים לוֹ גְּמוֹר״ – אַ אִיד וָואס פַאנְגְט אָן צוּ טוּן אַ מִצְוָה, זָאגְן 'זֵיי' אִים אַז עֶר זָאל עֶנְדִיגְן דִי מִצְוָה, לְכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער, וֶוער זֶענֶען דִי 'זֵיי'? און עֶר עֶנְטְפֶערְט אַ תֵּירוּץ מִיט דֶער זֶעלְבֶּע יְסוֹד, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי נְשָׁמוֹת פוּן צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאפְטְן צוּ דֶעם אִיד וֶוען עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען דִי מִצְוָה, און זֵיי בֶּעטְן אִים אַז עֶר זָאל אִינְגַאנְצְן אוֹיסְפִירְן דִי מִצְוָה.

**און** דֶער תִּפְאֶרֶת שְׁלֹמֹה אִיז דָאס אוֹיף מְרַמֵז אִין דִי מִשְׁנָה אִין מַסֶּכֶת אָבוֹת (א, ד), ״יְהִי בֵיתְךָ בֵּית וַעַד לַחֲכָמִים״ – דַיין הוֹיז זָאל זַיין אַן אָרְט ווי חֲכָמִים נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען, דִי וָוארְט 'בַּיִת' אִיז מְרַמֵז אוֹיף דִי נֶפֶשׁ, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (משלי כד, ג) ״בְּחָכְמָה יִבָּנֶה בָּיִת״ (עיין רלב״ג שם), און דָאס הָאבְּן דִי חֲכָמִים בַּאפוֹילְן ״יְהִי בֵיתְךָ בֵּית וַעַד לַחֲכָמִים״ – דוּ זָאלְסְט אָנְגְרֵייטְן און פַארֶערְכְטְן דַיין נְשָׁמָה אַז דִי נְשָׁמוֹת פוּן אַסַאךְ חֲכָמִים און צַדִּיקִים זָאלְן זִיךְ בַּאהֶעפְטְן אִין דִיר, און מִמֵּילָא וֶועט דַיין נְשָׁמָה זַיין אַן אָרְט ווי צַדִּיקִים נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען, און דֶעמָאלְטְס וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דָאס וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי סוֹף פוּן דִי מִשְׁנָה ״וֶהֱוֵי שׁוֹתֶה בַצָּמָא אֶת דִּבְרֵיהֶם״ – דוּ וֶועסְט לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה פוּן דִי צַדִּיקִים פּוּנְקְט ווי אַ דָארְשְׁטִיגֶער וָואס טְרִינְקְט, ווייבַּאלְד דִי נְשָׁמוֹת פוּן דִי צַדִּיקִים וֶועלְן דִיר מְעוֹרֵר זַיין צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה און צוּ טוּן דֶעם רָצוֹן ה' מִיט פִיל כַּוָּנָה און הִשְׁתּוֹקְקוּת.

**און** דֶער תִּפְאֶרֶת שְׁלֹמֹה פַארְצֵיילְט, אַז עֶס אִיז בַּאקַאנְט אַז דֶער אֲרִיזַ״ל הָאט עֵדוּת גֶעזָאגְט אוֹיף דֶער רַ״י מִיגַאשׁ[י], אַז עֶס הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאפְטְן צוּ זַיין נְשָׁמָה עֶטְלִיכֶע נְשָׁמוֹת פוּן גְרוֹיסֶע תַּנָּאִים.

**עֶס** אִיז בַּאקַאנְט אַ גֶעשִׁיכְטֶע, ווי דֶער אֲרִיזַ״ל הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רַבִּי שְׁמוּאֵל דִי ווידַאשׁ זי״ע און וֶוען דִי אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן דָאס בַּאמֶערְקְט הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט דֶער אֲרִיזַ״ל פַארְוָואס עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט, הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט ״עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר״! דַאן הָאבְּן זִיךְ דִי תַּלְמִידִים גֶעוָוואנְדְן צוּ זֵייעֶר חָבֵר רַבִּי שְׁמוּאֵל דִי ווידַאשׁ, און זֵיי הָאבְּן אִים גֶעבֶּעטֶען אַז עֶר זָאל זֵיי פַארְצֵיילְן וֶועלְכֶע מִצְוָה עֶר הָאט גֶעטוּען אַז רַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר בַּאגְלֵייט אִים, הָאט רַבִּי שְׁמוּאֵל דִי ווידַאשׁ זי״ע פַארְצֵיילְט ״קוּמֶענְדִיג צוּם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ״ל אִיז עֶר דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַ שְׁטוּבּ פוּן וואוּ עֶס הָאט

---

**י.** דאס איז רבי יוסף בן ר' מאיר הלוי אבן מיגאש, א תלמיד פון דער הייליגער רי״ף, און דער רבי פון רבי מימון דער טאטע פונעם רמב״ם. דער רמב״ם האט זיך זעלבסט פאררעכנט אלס א תלמיד פון דער ר״י מיגאש, ווי דער רמב״ם דרוקט זיך אויס אויף אים אין הקדמה צו זיין פירוש אויף משניות, 'וכמוהו לא היה לפניו מלך כמנהגו ודרכו'. דער ר״י מיגאש האט איבערגענומען די ישיבה פונעם רי״ף, ווען דער רי״ף איז אוועק פון די וועלט, און ער איז געווען דער מנהיג פון די אידן אין שפאניע (א דור פאר די גירוש ספרד).

זִיךְ אַרוֹיס גֶעהֶערְט אַ וַויין-גֶעשְׁרֵיי, ״רוֹיבֶּער׳ס זֶענֶען אָנְגֶעפַאלְן אוֹיף דִי הוֹיז, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעלֵיידִיגְט דִי הוֹיז״ הָאבְּן דִי שְׁטוּב מֶענְטְשֶׁען פַארְצֵיילְט, ווִי נָאר אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעהֶערְט בִּין אִיךְ שְׁנֶעל גֶעגַאנְגֶען אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי פַארְשַׁאפְט אַלֶעס וָואס עֶס הָאט זֵיי גֶעפֶעלְט, קְלֵיידוּנְג, גֶעשִׁיר, אוּן עֶסְן״... עֶרְשְׁט יֶעצְט הָאבְּן דִי אַנְדֶערֶע תַּלְמִידִים פַארְשְׁטַאנֶען פַארְוָואס דֶער גְרוֹיסֶער תַּנָּא רַבִּי פִּנְחָס בֶּן יָאִיר וָואס הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּהֶעלְפְן אִידְן אִין נוֹיט, אוּן אַרוֹיס גֶענוּמֶען פַאמִילְיֶעס פוּן זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע צוּשְׁטַאנְד (אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט פַארְצֵיילְט אִין גְּמָרָא חוּלִין ז.) הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן זִיךְ צוּ בַּאהֶעפְטְן אִין זֵייעֶר חָבֵר רַבִּי שְׁמוּאֵל דִי ווִידַאשׁ זי״ע.

**מֶען** פַארְצֵיילְט אוֹיפְ׳ן יְהוּדִי הַקָּדוֹשׁ פוּן פְּשִׁיסְחָא זי״ע, אַז אֵיינְמָאל אִיז אֵיינֶער פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים גֶעוֶוען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג בֵּיים שִׁיעוּר, אוּן עֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, אוּן אִינְמִיטְן דִי שִׁיעוּר הָאט זִיךְ דֶער יְהוּדִי הַקָּדוֹשׁ פַארְטְרַאכְט, וַוייל עֶס אִיז אִים גֶעוֶוען שְׁוֶוער פְּשַׁט אִין אַ סוּגְיָא, הָאט דֶער תַּלְמִיד גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט שְׁנֶעל אַהֵיימְלוֹיפְן, אוּן עֶר וֶועט עֶפֶּעס טוֹעם זַיין, עֶר הָאט גֶעהָאפְט אַז זַיין רַבִּי וֶועט זִיךְ פְּלַאגְן עֶטְלִיכֶע מִינוּט אִין דֶער סֻגְיָא, אוּן בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיפְכַאפְּן פוּן זַיין טִיפֶע ׳שְׁלָאף׳ וֶועט עֶר שׁוֹין זַיין צוּרִיק אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ בֵּיים שִׁיעוּר, אָנְדֶעם וָואס זַיין רַבִּי זָאל אוֹיפְכַאפְּן אַז עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיס גֶעגְלִיטְשְׁט פַאר גֶעצֵיילְטֶע מִינוּטְן, דֶער בָּחוּר הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּעֶן אוּן עֶר אִיז אַהֵיימְגֶעלָאפְן אוּן עֶר הָאט שְׁנֶעל עֶפֶּעס גֶעגֶעסְן אוּן גֶעטְרִינְקֶען, אָבֶּער וֶוען דֶער בָּחוּר הָאט גֶעוָואלְט צוּרִיקְגֵיין אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, הָאט זַיין מַאמֶע אִים גֶעבֶּעטֶן אַז עֶר זָאל אִיר בְּיטֶע אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן בּוֹידֶעם שְׁטְרוֹי פַאר דִי קוּה, עֶר הָאט אִיר פְּרוּבִּירְט צוּ מַסְבִּיר זַיין פַאר זַיין מַאמֶע אַז עֶר הָאט זִיךְ פָּשׁוּט אַרוֹיסְגֶעכַאפְּט אִינְמִיטְן שִׁיעוּר, אוּן אוֹיבּ זַיין רֶבִּי וֶועט זִיךְ אוֹיפְכַאפְּן אוּן זֶען אַז עֶר אִיז נִישְׁט דָא, דַאן וֶועט עֶר זַיין זֵייעֶר בֵּייז אוֹיף אִים.

**אוֹיפְן** וֶועג לוֹיפְנְדִיג צוּם בֵּית הַמִּדְרָשׁ, הָאט דֶער בָּחוּר גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: פַארְוָואס לֶערְן אִיךְ בִּכְלָל? כְּדֵי אִיךְ זָאל ווִיסְן ווִי אַזוֹי מְקַיֵּים צוּ זַיין דִי תּוֹרָה! אוֹי, ווִי אַזוֹי הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעקֶענְט אַנְטְזָאגְן פוּן צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אֵם? אוּן דֶער בָּחוּר הָאט זִיךְ צוּרִיקְגֶעדְרֵייט אַהֵיים, אוּן עֶר הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען פַאר זַיין מַאמֶע דִי שְׁטְרוֹי פוּן בּוֹידֶעם, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז עֶר שְׁנֶעל צוּרִיק גֶעלָאפְן אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, ווִי נָאר עֶר הָאט אַרֵיין שְׁפַּאצִירְט אִין שִׁיעוּר-צִימֶער הָאט זִיךְ דֶער יְהוּדִי הַקָּדוֹשׁ אוֹיפְגֶעכַאפְּט, וַוייל עֶר הָאט מַשִּׂיג גֶעוֶוען דִי פְּשַׁט אִין דִי סוּגְיָא, אוּן עֶר הָאט גְלֵייךְ גֶעפְרֶעגְט פוּנֶעם תַּלְמִיד וואוּ עֶר אִיז אַצִינְד גֶעוֶוען, דֶער תַּלְמִיד הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין אוֹיסְוַואל אוּן עֶר הָאט פַארְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע וואוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אוּן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, הָאט דֶער יְהוּדִי הַקָּדוֹשׁ אִים גֶעזָאגְט, אַז יֶעצְט פַארְשְׁטֵייט עֶר שׁוֹין פַארְוָואס דֶער אַמוֹרָא אַבַּיֵי אִיז מִיטְגֶעקוּמֶען מִיט אִים, ווִיבַּאלְד עֶר הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אֵם, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער אַמוֹרָא אַבַּיֵי וָואס אִיז גֶעוֶוען

אַ יָתוֹם זִיךְ מְדַבֵּק גֶעוֶוען אִין אִים, ווִיבַּאלְד עֶר הָאט אוֹיףְ גֶעוָואלְט הָאבְּן אַ שַׁיָּכוּת צוּ דִי מִצְוָה, אוּן יֶעצְט וֶוען עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ צוּזַאמֶען מִיט אַבַּיֵי, הָאט אַבַּיֵי מַסְבִּיר גֶעוֶוען פַּארְ'ן יְהוּדִי הַקָּדוֹשׁ פְּשַׁט אִין דִי סוּגְיָא אוֹיף וֶועלְכֶע דֶער יְהוּדִי הַקָּדוֹשׁ הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט גֶעפְּלָאגְט פַאר אַ לֶענְגֶערֶע צַייט.'[יא]

---

**יא.** עס איז באקאנט אז ביי דער מעמד קרן הצלה אין אמעריקא, האט רביה"ק מסאטמאר זי"ע געזאגט אינמיטן זיין דרשה "עס איז נישט קיין שום ספק אז די עלטערן קומען אראפ פון עולם העליון, און זיי געפינען זיך יעצט דא מיט אונז"